## געמיינזאמע דערקלערונג פון די אפיס פון די אטורני גענעראל און די סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט אנבאלאנגט טרענסדזשענדער סטודענט׳ס רעכטן

אונזערע אפיסעס האבן באקומען מערערע פראגעס פון שולע דיסטריקט אפיצירן און ארגאניזאציעס אנבאלאנגט דאס איינפירן די עקזעקיוטיוו באפעל 14190 (EO) פון יאנואר 29, 2025, און אן עקזעקיוטיוו באפעל פון פעבואר 5, 2025, וואס טוט אנגעבליך פארבאטן K-12 שולעס פון שטיצן טרענסדזשענדער סטודענט׳ס סאושעל אריבערגאנג און זייער צוטריט צו אטלעטיקס. מיר שרייבן דא אייך צו מעלדן אז די עקזעקיוטיוו באפעלן טוען נישט אפעקטירן די רעכטן פון טרענסדזשענדער סטודענטן און און מענטשן אין ניו יארק׳ס פובליק שולעס.

די עקזעקיוטיוו באפעל פארבאט די מיינונג פון "סעקס" אין טייטל IX פון נישט אויסרעכענען דזשענדער אידענטיטעט. די פרעזידענט קען דאס נישט טוען איינזייטיג. עס פארלאנגט א שריט פון די קאנגרעס-אדער כאטש א מעלדונג-און-קאמענטארן געזעץ-מאכן. ווי פריער אבזערווירט דורך די סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט, זענען די פרעזידענטליכע דערקלערונגען פון פאליסי לעגאל נישט גילטיג.

אין צוגאב, טוט די סטעיט געזעץ צושטעלן שטארקע באשיצונגען פאר טרענסדזשענדער סטודענטן, אריינגערעכנט די רעכט צו נוצן איינריכטונגען (אזוווי טוילעטס און לאקער צימערן) און צו אנטיילנעמען אויף אטלעטיק טיעמס וואס זענען גלייך מיט זייער דזשענדער אידענטיטעט. אומגעזעצליכע דיסקרימינאציע קעגן טרענסדזשענדער סטודענטן נעמט אריין פרעגן פראגעס וועגן זייער דזשענדער אידענטיטעט און בשטימטע מין ביים געבורט און נישט מסכים זיין צו נוצן זייער פארלאנגטע נאמען אדער טיטל. עס איז וויכטיג צו באצייכענען אז, א פעדעראלע געריכטליכע באשלוס אידענטיפיצירט אין די פעבואר 5, 2025,עקזעקיוטיוו באפעל טוט אויסדריקליך אנערקענען, אין אפהאלטן א 2024 רעגולאציע, וואס די באפעל האט נישט "באגרעניצטן] די מעגליכקייט פון סיי וועלכע שולע צו ... אנדערש אויספאלגן גילטיגע סטעיט אדער לאקאלע געזעצן אדער תקנות אנבאלאנגט" טרענסדזשענדער סטודענטן.

מיר פארשטייען אז פרעזידענטליכע דראונגען צו אפהאלטן פאנדיג טוען דערשרעקן. אבער זיי זענען אויך נישט אין די פרעזידענט׳ס אויטאריטעט. "[ד]י אטורני גענעראל קען נישט נאכיאגן די פאליסי דערגרייכונגען פון די עקזעקיוטיוו אפטיילונג דורך די מאכט פון די בערזל אדער די ארעם פון לאקאלע געזעץ אינפארסירער" (*City of Chicago v. Barr,* 961 F3d 882, 887 [7th Cir 2020]). די פרעזידענט, אין אנדערע ווערטער, קען נישט נעמען די מאכט פון קאנגרעס צו זיך אליינס אדער אנדערש אויסמיידן פאסיגע לעגאלע פראצעדור.

אונזערע אפיסעס זענען פארפליכטעט צו אנהאלטן די דזשענדער אויסדריק נאן-דיסקרימינאציע געזעץ (Gender Expression Non-Discrimination Act ,GENDA), א "געזעץ אין באציאונג צו אלגעמיינע שולעס" (Education Law § 306 [1]). שולע דיסטריקטס מוזן ווייטער אויספאלגן סטעיט געזעץ, און די סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט און אפיס פון אטורני גענעראל שטייען אונטער דיסטריקטס און עדיוקעיטאר וואס האלטן אן אונזער סטעיט׳ס פארפליכטונג צו גלייכע עדיוקעישנעל געלעגנהייטן פאר אלע סטודענטן.